STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04033

# ERETS-YISROEL

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# שול-ביבליאָטעק

סעריע ב

# ארץ-ישראל

(העפט נר. 2)

Montreal
PEOPLE'S LIBRARY

ארויסגעגעבן פון דער

**צווישאַ און שלום עליכם שולן.**

בוענאָס איירעס 1947

# אינהאַלט:


פון די ארויסגעבער

א. איך האָב זיי נישט דערקענט די ברידער מיינע
פון י. פאַפּיערניקאָוו

ב. די יידישע קאָמאנדע
פון שלום העקטין

ג. די צוויי פאסטוכער
פון זינא ראבינאָוויטש

ד. יונה די שיף (סוף)
פון זינא ראבינאָוויטש

ה. דער נגב בליט
פון חיים פינקעלשטיין

ו. חיפה — א שטאָט מיט א סך צויבער
פון ש. פריילאך

ז. קראנק געוואָרן פאר פסח
פון ש. בן־ציון



געזאמלטער לייען מאטעריאל צוגעגרייט צום דרוק פון דער פעדאגאָגישער קאָמיסיע פון דער צווישאָ, אונטער דער דירעקציע פון חיים פינקעלשטיין און פארלאגס־לייטונג אברהם מיטלבערג.

# פון די אַרויסגעבער

אונטערן נאָמען „שול־ביבליאָטעק" הייבט אָן די צווישא און שלום עליכם שולן ארויסצוגעבן א סעריע ביכעלעך מיט זאמלונגען פון דערציילונגען, מעשיות און לידער פאר די תלמידים פון די יידישע שולן, מיטל־שולן און פאר דער יידישער יוגנט.

די ביכעלעך וועלן ארויסגיין אין פארשיידענע סעריעס און יעדע סעריע וועט פארמאָגן א געוויסע צאָל העפטן מיט דערציילונגען אויף טעמעס פון ענלעכן כאראקטער.

די ערשטע דריי סעריעס, וואָס דערשיינען שוין איצט, זענען: „אין געטאָ", „יידן אין ארגענטינע", און „ארץ ישראל". שפעטער וועלן אונטערקומען אנדערע סעריעס.

דער מאטעריאל, וואָס ווערט געדרוקט אין „שול־ביבליאָטעק", איז א געקליבענער פון די סאמע בעסטע שאפונגען אין דער יידישער ליטעראטור, און יעדער העפט איז צוגעפאסט צו קינדער און יוגנטלעכע לויט זייער עלטער און קענטענישן. צוזאמען וועלן אלע העפטן מיט זיך פאָרשטעלן א מין אנטאלאָגיע פון יידישע שאפונגען פון אמאָל און פון היינט. אין זיי וועלן אריין לידער, דערציילונגען, פאָלקס־מעשיות, לעגענדעס, ביאָגראפיעס און שילדערונגען פון יידישן לעבן.

מיטן ארויסגעבן די „שול־ביבליאָטעק" טרעט צו די צווישא און די שלום עליכם שולן צו אויספילן א וויכטיקן בלויז אין דער יידישער שול און דערציאונגס־**ארבעט**, דורך אונטערטראָגן די תלמידים פון די יידישע שולן פאסיקן לייען־מאטעריאל, וואָס וועט זיכער געהעריק אויך אויסגענוצט ווערן פון די לערער פון אלע יידישע שולן.



137 ~~24097~~
II.8.)

# איך האָב זיי נישט דערקענט, די ברידער מיינע

י. פּאַפּיערניקאָוו

★

איך האָב זיי נישט דערקענט, די ברידער מיינע.
נישט דערקענט, ווען פייער האָט ארומגעכאפּט דאָס לאַנד
און שטאָט און דאָרף געברענט,
און עס האָבן מיינע ברידער
אויף א ליאַרעם פון סירענעס
זיך געטון א לאָז ארויס פון יעדן צעלט,
פאבריק און הויז
און מחנותווייז, אנטקעגן שונא זיך געצויגן
מיט אָפּשיין פון דער שׂרפה אין די אויגן
און אזוי צעשטעלט זיך,
וואנט נאָך וואנט
ווי שטאָל און אייזן קעגן פייל און בויגן.

איך האָב זיי נישט דערקענט, די ברידער מיינע,
ווען געפאנצערטע מיט גלויבן,
האָבן זיי די אקערס אויף די פעלדער אויסגעשפּאנט,
געכאפּט די פערד,
און מיטן גורל אין דער האנט א ריס געטון זיך
ווי די אָדלערס פון דער ערד.
און ווי א בליץ אויף בארג זיך אויפגעהויבן

וויא דונער זיך אין טאָל אראָפּגעלאָזט
און קולות ווי די שטיינער אויסגעשאָטן: אונדזער ערד!!
מיר האָבן זי באטראָטן וויסט, פארלאָזט,
זאָל פרוון ווער די שפּייכלערם אונדז צערויבן,
זאָל פרוון ווער די שייערם אונדז פארברענען,
מיר וועלן ווייזן ווער און וואָס מיר זענען.

האָב איך נישט דערקענט די ברידער מיינע
פאסטוכער מיט גוטע אויגן שאָפּענע
פון פעלדער אָנגעלאָפענע,
באשיצן שאָף און רינדער
ווען עס זענען שוין געשטאנען
מאן
און ווייב
און קינדער
ווי עאוקאליפּטוסן און טאנען קעגן מדבר וואנט.
די פים פארוואָרצלט אין דער טיף,
די קעפּ פארקלעטערט אין דער הויך,
די הענט געקרייצט אין דער ברייט,
געהילט אין פלאמען, געהילט אין רויך
און ווי די פעלדזן נישט געברענט!
און נישט דערקענט זיי,
נישט דערקענט האָב איך די ברידער מיינע,
מיינע ברידער!
נישט געגלויבט אז פון דער נידער
וועלן זיי זיך דאָ דערהייבן,
אז פון מיינע ברידער לעמער,
זענען אויסגעוואקסן לייבן!

שלום הערשין

# די יידישע קאָמאַנדע

★

יעקב כספי איז א מאַטראָז, ער אַרבעט אין איינער פון די שיפן וואָס באַדינען דעם מזרח-ברעג פונעם מיטללענדישן ים, ווו עס ליגט ארץ ישראל און אירע שכנותדיקע לענדער — מצרים, סיריע, טערקיי. בלויז מיט צוויי-דריי יאָר צוריק איז יעקב נאָך געווען גאָר א יונגער יינגל. ער איז אויסגעוואַקסן אין חיפה — דער שיינער האַפן-שטאָט פון ארץ ישראל. זיין פאָטער איז געווען אַן אַרבעטער; ער האָט געאַרבעט ביים בויען הייזער אין חיפה; די אַרבעט איז געווען א שווערע און די פאַרדינסטן זענען נישט אַלע מאָל געווען גענוג אויסצוהאַלטן די גרויסע משפחה. דעריבער האָט שוין יעקב נאָך גאָר קליינערהייט געמוזט אַרבעטן אַליין עפּעס צו פאַרדינען.

ער האָט געאַרבעט אין א קלייט — זיין פליכט איז געווען פונאַנדערצוטראָגן די סחורה צו די קונים אַהיים. אַזוי פלעגט ער שפּאַנען אַהין און אַהער איבער די גאַסן פון דער שיינער, נייער שטאָט מיט די פּעקלעך אין די הענט. חיפה איז געבויט אויף איינעם פון די זייטן פון דעם אַלטן כרמל-באַרג, באַרג-אַרויף: פון גאָר גאָר אונטן, ווו עס פּליעסקען זיך די וואַסערן פונעם בלויען ים — ביז גאָר גאָר אויבן, ביזן קאָפּ פון דעם וווּנדערשיינעם באַרג, פלעגט זיך יעקב אַזוי שפּאַנען איבערן גאַס און פאַרקוקן זיך — איינמאָל אויפן שפּיץ באַרג, וואָס איז באַדעקט מיט געדיכטן גרינעם וואַלד, און איינמאָל אויף די טיף-בלויע וואַסערן פונעם ים. יעקב האָט זייער ליב געקראָגן דעם ים. ער האָט אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס, — נאָר זיין ליבע צום ים איז געווען זייער גרויס. — ער איז געווען א שטיל יינגל, א שווייגער, אַזוי ווי ער וואָלט געווען א ביסל פאַרשעמט, און ער האָט שטענדיק וועגן עפּעס געחלומט. פלעגט ער שטיין אַזוי, לאַנג-לאַנג קוקן צום ים צו, און טראַכטן וועגן עפּעס אין דער שטיל.

די יאָרן זענען דאַן געווען אומרואיקע; אַראַבער פלעגן אָפט

באפאלן יידן, אָנפאלן אויף די יידישע קאָלאָניעס. די יידן פלעגן זיך אנטקעגנשטעלן מיט כוח און מיט שטאָלץ.

ב

איינמאָל, סוף ווינטער, איז געקומען א גרופע חלוצים פון פוילן קיין ארץ ישראל. זיי האָבן זיך באזעצט אין די בערג פון ירושלים און אָנגעהויבן בויען דאָרטן א נייעם ישוב. אין איינעם פון די קאלטע פרימאָרגנס, באגינען, זענען זיי ארוים צו איינעם פון די בערג צו האקן שטיינער, כדי צו בויען דעם ישוב. א גרופע באַוואפנטע אראבער האָט זיי אָפּגעוואַרט אויפן וועג, באפאלן זיי פון הינטן, און אָנגעהויבן שיסן אויף די חלוצים.

פינף פון די חלוצים זענען געפאלן טויט...

די ארבעט האָט זיך אָבער נישט איבערגעריסן. אין א קורצער צייט ארום האָט זיך דאָרט, ביים סאמע שפּיץ פון איינעם פון די ווילדסטע בערג אין דער סביבה פון ירושלים, באוויזן א נייע יידישע קאָלאָניע, אַ קבוצה. צום אָנדענק פון די פינף געפאלענע חלוצים האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן „מעלה חמשה" (באַרג פון די פינף). מען האָט דאַן אָנגעהויבן זינגען א ליד אין ארץ ישראל וועגן די פינף געפאלענע פיאָנערן. דאָס ליד האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער.

„פינף זענען ארוים א היימלאַנד צו בויען"

אומעטום, אין אַלע ווינקלען פון לאַנד, האָט מען דאָס ליד געזונגען. יעקבן האָט דאָס ליד אויך זייער שטארק פארכאפּט און זייענדיק איינער אליין, פלעגט ער עס זינגען אין דער שטיל איינמאָל און נאָכאַמאָל. מיט א באזונדערן כוח פלעגן אָפּקלינגען אין זיין הארצן די ווערטער:

„ א היימלאַנד צו בויען,
א היימלאַנד צו בויען!"...



יידישע שיף-לייט אין ארץ-ישראל

ג

און יעקבן האָט זיך שטאַרק פאַרגלוסט צו לאָזן זיין אַרבעט אין קליט, ווערן א חלוץ און העלפן בויען דאָס היימלאַנד. ער איז געשטאַנען אין האַפן, געקוקט אויפן ים, אויף די שיפן. מיט אַמאָל האָט דער יונגער יעקב (ער איז דאַן געווען אַרום זעכצן יאָר) דער־פילט, אַז צווישן אַלע שיפן וואָס שטייען אין יידישן האַפן איז נישטאָ קיין איין יידישע שיף!... האָט עס יעקבן שטאַרק פאַרדראָסן, און ער האָט זיך געגעבן אַ שבועה, אַז ווען ער וועט אויסוואַקסן, וועט ער ווערן אַ חלוץ פונעם ים! „ווען עס וואָלט דאָ געווען כאָטש איין יידישע שיף", — פלעגט יעקב אַליין צו זיך זאָגן: „כאָטש איין יידישע שיף!".

נאָך אַ צוויי יאָר זענען אַוועק — יעקב איז געוואָרן אַכצן יאָר אַלט. איינמאָל איז צו אים דערגאַנגען אַ קלאַנג, אַז אַ יידישע שיף, די ערשטע יידישע שיף, האָט זיך באַוויזן אין פאָרט. ווי נאָר יעקב האָט פאַרענדיקט יענעם טאָג די אַרבעט, האָט ער זיך שנעל איבער־געטאָן אין ריינע קליידער און זיך געלאָזט לויפן אַראָפּ־צו, צום האַפן. זיין האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט, ווען ער איז צוגעלאָפן צום טויער: פונקט אַנטקעגן אים איז געשטאַנען די יידישע שיף! — זי האָט געטראָגן אַ יידישן נאָמען, דעם נאָמען פון דער יידישער האָפענונג — „תקוה" האָט געהייסן די שיף — און די יידישע ווייס־בלויע פאָן האָט איבער דער שיף געפלאַטערט.

ד

יעקב איז אַ צייט געשטאַנען ווי באַצויבערט, נאָכדעם האָט ער זיך ווי אָפּגעריסן פון זיין פּלאַץ און איז שנעל־שנעל אַוועק, ווי עפּעס אַ גרויסער כוח וואָלט אים פון דאָרט ערגעץ געטריבן. — ביינאַכט האָט ער דערציילט די עלטערן וועגן זיין באַשלוס צו ווערן אַ פּיאָ־נער פון דער יידישער ים אַרבעט און גיין דינען ווי אַ מאַטראָז אויף דער יידישער שיף. זיין פריערדיקע אַרבעט אין קליט האָט אויס־

געזען זייער ניט וויכטיק אין זיינע אויגן: „מיר", פלעגט יעקב טראַכטן, „גיט טאַקע די דאָזיקע אַרבעט מיטלען צום לעבן; — עס גיט אָבער גאָרנישט מיין פאָלק און מיין לאַנד". — דערצו טאַקע האָט דאָס יינגל געפילט, אַז דער ים ציט אים מיט אַ גוואַלדיקן כּוח, אַז זיין לעבן וועט קיין לעבן נישט זיין, ביז ער וועט נישט ווערן קיין מאַטראָז!

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז שוין יעקב געווען אויף דער „תּקוה". אַלע בחורים וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט — סיי די מאַטראָזן, סיי די אָפיצירן, זענען געווען יידן — זיי זענען געווען די ערשטע יידישע חלוצים צו אַרבעטן אויפן ים.

די חברים זענען געווען זייער צוגעבונדן איינער צום צווייטן און האָבן זיך געהאַלטן אַלע גלייך. יעקב איז אַזוי טריי געווען זיין אַרבעט, אַז ער האָט אַרום זיך גאָרנישט נישט געזען. בלויז דעם ים און זיין אַרבעט. ער האָט ליב געהאַט זיינע חברים, נאָר זיינע געדאַנקען זענען תּמיד געווען מיט עפּעס פאַרנומען און ער פלעגט זיך שטענדיק האַלטן אָן אַ זייט פון דער גאַנצער חברה. „דער שוויי-גער" האָבן זיי אים אַ נאָמען געגעבן. אין זיין פרייער צייט פלעגט ער שטיין מיטן פּנים צום ים און זינגען. און מער ווי אַלע אַנדערע לידער האָט ער ליב געהאַט דאָס ליד „פינף זענען אַרוים"...

## ה

עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. די יידישע שיף „תּקוה" מיט איר יידישן שטאַב האָט געגומען אָנטייל אין דער מלחמה צוזאַ-מען מיטן ענגלישן פלאָט. יעקב איז דאָרט געווען. און אָט האָט איינמאָל געטראָפן, אַז מען האָט געדאַרפט שיקן אַ מיליטערישע קאָמאַנדאָ מיט זייער אַ וויכטיקער מיסיע אין דער שכנותדיקער סיריע. האָט זיך די יידישע שיף „תּקוה" מיט איר שטאַב אַרויסגע-רופן צו זיין די דאָזיקע קאָמאַנדאָ. ניט איינמאָל זענען זיי שוין געווען אין סיריע; זיי זענען געווען גוט באַקאַנט מיט אַלע פלעצער ביים ברעג ים; אויפגעהאָדעוועט אין ארץ ישראל, האָבן אַ סך פון זיי גוט

געקענט די אראבישע שפראך און געקענט זיך מאכן אויסזען ווי אמתע אראבער. דער ענגלישער אדמיראל האט פארשטאנען, אז ער וועט נישט געפינען קיין בעסערע קאנדידאטן פאר דער נייטי־קער מיסיע ווי די דאזיקע מוטיקע יידישע בחורים — און זיי זענען טאקע באשטימט געווארן צו טון אט די וויכטיקע און געפערלעכע שליחות.

ווען „תקוה" איז געווען ווייט ווייט אויפן ים, האט פלוצלינג אויסגעבראכן א שווערער שטורעם. א לאנגע צייט האט זיך די שיף געראנגלט מיט די כוואליעס, צום סוף זענען די מאשינען קאליע געווארן און האבן מער נישט געארבעט, און עס איז געווען קלאר, אז די שיף, וואס האט געטראגן דעם נאמען „האפענונג", האט אנגע־ווארן יעדע האפענונג. די יידישע קאמאנדא פון שיף האט זיך פארזאמלט אויף איין ארט — מען האט געווארט אויפן טויט! בלויז יעקב איז געשטאנען אביסל פון דער זייט, מיטן פנים צום ים, און האט שטיל שטיל, ווי פאר זיך אליין, עפעס אונטערגעזונגען. מען האט בלויז געפילט ווי ער פלעגט יעדן מאל א ביסל אונטער־שטרייכן: „א היימלאנד צו בויען! — א היימלאנד! . . .

און אט האט א גרויזאמער שקוואל פארפלייצט דאס שיפל און צעבראכן די „תקוה" אויף פיצלעך. די מענטשן זענען אלע אראפגעווארפן געווארן אין דעם צעבושעוועטן ים. עס איז געווען אין מיטן נאכט — א שרעקלעך פינצטערע נאכט. לאנגע שעהן האבן זיך די מענטשן געראנגלט מיט די כוואליעס. ווען די פינצטערניש האט אנגעהויבן ווערן א ביסל שיטערער, האבן די מענטשן דערזען, אז דער ברעג איז גארנישט ווייט פון זיי. זיי האבן אבער אויך גע־פילט, אז זיי האבן זיך שוין כמעט ווי ארויסגעשלאגן פון די כוחות, און זיי האבן שוין נישט געהאט קיין האפענונג צו לעבן.

ו

פלוצים — וואס איז דאס? ! — א געזאנג האט מיטאמאל אנגע־הויבן זיך הערן אט דא צווישן זיי. פריער זענען די קלאנגען געווען

שטיל; וואָס ווייטער איז די שטים געוואָרן אַלץ שטאַרקער און זיכערער, און ווי זי וואָלט גערופן די גאַנצע חברה און דערמאָנט זיי אָן עפּעס „אַ היימלאַנד צו בויען! אַ היימלאַנד צו בויען!"

יעקב כספּי איז געווען דער זינגער — שטענדיק אַזאַ שטילער, אַ שווייגער, האָט ער פּלוצים געלאָזט זיך הערן אין אַזאַ משונהדיקן מצב, ווען זיי האַלטן אין ראַנגלען זיך מיטן טויט! און זיין שטים איז שטאַרק און רופנדיק: „פינף זענען אַרויס! "...

„אַ היימלאַנד צו בויען" — האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגערופן אַ שוואַך קול... „אַ היימלאַנד צו בויען — האָט זיך אָפּגערופן אַ צווייטע אָפּגעשוואַכטע שטים...

און אָט האָבן די אויסגעמאַטערטע האַלב לעבעדיקע חברים אָנגעהויבן זיך אָפּרופן איינער נאָך דעם צווייטן, און די גאַנצע גרופּע האָט שוין געזונגען:

„— — — אַרויס אַ היימלאַנד צו בויען! "...

זיי האָבן פאַרגעסן דעם שטורעם, פאַרגעסן זייער טויט-מידקייט, די סכנה אין וועלכער זיי האָבן זיך אָט ערשט געפונען. זיי האָבן געזונגען און געזונגען, און גאָר נישט באַמערקט, אַז אַזוי זינגענדיק זענען זיי צוגעשווומען צום ברעג. עס איז געווען פרי, גאָר פרי, און דאָס גאַנצע לאַנד אַרום איז נאָך געשלאָפן. די קאָמאַנדאַ איז אַרויף אויפן ברעג און דערפילט איר פליכט. נאָכדעם האָט זיך די גרופּע צעשיידט און פאַרלעכטוויז האָבן זיי זיך אוועקגעלאָזט דורך די סירישע בערג צו דער ארץ ישראלדיקער גרענעץ.

דאָ האָבן זיי זיך ווידער פאַרזאַמלט אין דער שטאָט חיפה און געמאָלדן זיך צו דעם פלאָט-אַנשטאַלט, וואָס האָט זיי געשיקט אויף זייער שליחות — דער ענגלישער אַדמיראַל האָט זייער געלויבט די מוטיקייט פון דער יידישער גרופּע, געזאָגט, אַז דאָס וואָס זיי האָבן געטון דערמאָנט אָן דער אַלטער יידישער גבורה און איז אַ כבוד פאַרן יידישן פאָלק. די גרופּע האָט געקראָגן פאַר איר העלדישן טאָט דעם העכסטן מיליטערישן מעדאַל.



דער פּאַסטוך און זיינע שעפּעלעך

זינא ראבינאָוויטש

# די צוויי פּאסטוכער

★

פון דער קליינער קבוצה, וועלכע האָט זיך אזוי אויסגעצייכנט מיט אירע פעטע שאָף, זענען ארויסגעגאנגען די צוויי פּאסטוכער, ווי יעדן פרימאָרגן, אין פעלד אריין פּאשען זייער סטאַדע. דריי הונדערט ברוינלעכע געקרייזלטע לעמעלעך און ציגעלעך זענען פריילעך נאָכגעגאנגען דעם ציגנבאָק, וועלכער האָט פריילעך געקלונגען מיט זיין גלאָק, וואָס איז געווען אונטערגעבונדן אונטער זיין ציגנבאָרד. דאָס קלינגען פון דעם גרויסן גלאָק איז שטענדיק געווען פאר די שאָף א גרויסע בשורה, ווייל דאָס קלינגען פון דעם ציגנבאָקס גלאָק האָט אָנגעזאָגט:

„מיר גייען שוין ארויס אין פעלד אריין, אין דער ווייטער ברייטער פרייער פּאשע, ווו אלץ איז אזוי רייך און וואונדערבאר. זייער פרייד איז געווען אזוי גרויס, ניט ווייל מ׳האָט די שאָף ניט געגעבן גענוג עסן אין די שטאַלן פון דער קבוצה, נאָר דערפאר וואָס אויף דער פרייער פּאשע קאָן מען קייען בּיסעלעך, ווען מ׳וויל און וויפל מ׳וויל! ציגעלעך און לעמעלעך האָבן ליב א פריי פעלד ווו מ׳קאָן ניט נאָר עסן, נאָר אויך זיך שפּילן — זיך קייקלען אויף דעם זוייכן גראָז, שטיפן איינער מיט דעם צווייטן, און ווען מ׳איז שוין גענוג אָנגעשטיפט און מיד, קאָן מען אויך ליגן אנטקעגן דער זון און כאפּן א דרימל אויף איין אייגעלע.

דער ציגנבאָק איז געגאנגען פאָראויס מיט שטאָלץ און גדלות ווי עס פּאסט פאר א וועגווייזער, און נאָך אים זענען נאָכגעגאנגען די לעמעלעך און ציגעלעך, גרויסע און קליינע, אלטע און יונגע, רייבנדיק זיך איינער אין צווייטן א בייכעלע אין א בייכעלע, א קעפּעלע אין א קעפּעלע און הייבנדיק מיט די פיסלעך א גרויסן וואָלקן שטויב און זאמד, האָבן זיי פריילעך געמעקעט, גלייך ווי זאָגנדיק די

איבערגעבליבענע אין קבוצה: שלום! שלום!ביז זון־אונטערגאנג! ביז אָוונט!

אויף דעם פריילעכן מעקען פלעגן זיך נישט איין מאָל אָפּרופן די איבערגעבליבענע ארבעטער אין דער קבוצה.

זיי פלעגן זיי נאָכקוקן מיט שטאָלץ און פרייד און גלעטן מיט די אויגן די גאנצע סטאַדע, וועלכע האָט זיך געקייקלט ווי א ווייכע גרויסע כוואליע. און די קינדער פון דער קבוצה פלעגן ארויס־לויפן אין מיטן פרישטיק עסן און נאָכקוקן די שאָף מיט קנאה און נייגער. עס ווייזט אויס, אז פונקט ווי די לעמעלעך האָט זיי אויך געצויגן אין די ווייטע פרייע מקומות. „שלום! מיר וועלן וואַרטן אויף אייך אין אָוונט!", האָבן געזאָגט די אייגעלעך פון די קינדער און גאָר די קליינע פון די קינדער האָבן זיי נאָכגעמעקעט... „שלום, יצחק! שלום, מאיר!" פלעגן זיי נאָכשרייען מיט קנאה אין די אויגן צו די צוויי גוטע פאַסטוכער, וועלכע זענען געגאנגען נאָך די שאָף, פארלויפנדיק זיי אין די זייטן, אז נארישע יונגע לעמעלעך זאָלן נישט פארקריכן וווּהין מ'דארף נישט און טרייבנדיק זיי פון הינטן, אז זיי זאָלן זיך נישט פאַרשפּילן מיט גראָזן און דערנער און נישט פאַרבלאָנ־דזשען, „שלום! שלום!" האָבן שטענדיק געענטפערט די קינדער גוטמוטיק די צוויי פאַסטוכער מיט פרייד און שטאָלץ. די פאַסטוכער האָבן שטאָלצירט מיט זייער גוט אויסגעפּאַשעטער סטאַדע, אויף וועלכער אלע האָבן געקוקט מיט ליבע. זיי האָבן געפילט ווי צוויי פאָטערס וואָס היטן אָפּ דאָס לעבן און דאָס געזונט פון זייערע קינדער.

אין דעם היינטיקן לויטערן הייסן און זייער ליכטיקן פרימאָרגן האָבן יצחקס און מאירס אויגן נאָך מער געבלישטשעט ווי שטענדיק, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט צו די קינדער — צי ווייל זיי האָבן געפילט היינט מער ווי שטענדיק, אז יעדער קינד טרוימט אין הארצן אויך צו ווערן א פאַסטוך, ווען עס וועט אויסוואַקסן, צי ווייל זיי האָבן היינט געפילט מער ווי אלעמאָל די אחריות פאר די הונגע־ריקע לעמעלעך און ציגעלעך. עס איז נישט קיין קלייניקייט צו פיטערן

דריי הונדערט אָפּענע מיילער, איבערהויפּט ווען עס איז שוין סוף זומער און אלע פעלדער שטייען ליידיק, אָפּגעברענט פון דער זון און אלע פּאַשעס זעען אויס ווי גוט אויסגעלעקטע טעלער. היינט האָבן זיך די פּאַסטוכער געמוזט לאָזן גיין אין די ווייטסטע מקומות זוכן פּאַשע. אין יענע ווייטע ערטער האָט מען ביז איצט אויסגעמיטן צו גיין, ווייל עס האָבן דאָרט ארומגעבראָדיעט אין באהעלטענישן שלעכטע מענטשן, וואַנדאַלן...

אָבער מאיר און יצחק זענען ניט געווען פון די שרעקעדיקע! וואָס איז דאָ מורא צו האָבן? און ווער וועט זיי טון שלעכטס? זיי האָבן קיין שונאים ניט, ווייל זיי האָבן קיינעם קיין שלעכטס קיינמאָל ניט געטון, און די סטאַדע מוז מען פיטערן! דריי הונדערט מיילער — איז קיין שפּאַס ניט! און אין דעם גאַנצן ארום איז שוין אלץ אָפּגע־גריזשעט, אָפּגעלעקט!

די צוויי פּאַסטוכער האָבן זיך געלאָזט אין די ווייטע טאָלן. עס האָבן זיך פריילעך אראָפּגעקייקלט פון די בערגלעך די הונגעריקע שאָף און זיך צעוואָרפן איבער דער הויכער פּאַשע.

— גוט, וואָס מיר האָבן אונדזערע חברים ניט געזאָגט, אז מיר גייען היינט אהער! — רופט זיך אָן יצחק צו מאירן.

— גערעכט! — זאָגט מאיר — אומזיסט וואָלטן זיי איבערגע־טראַכט א גאַנצן טאָג! פון איצט אָן ביז דער נייער פּאַשע, זאָגט יצחק, וועלן מיר שוין טאקע גיין אהער! זע נאָר זע! ווי די פרעסער־לעך האָבן זיך א וואָרף געטון אויף דעם הויכן גראָז! ביידע פּאַסטו־כער האָבן געקוקט מיט גליקלעכע אויגן אויף זייערע שאָף. די לעמעלעך האָבן זיך אָנגעגעסן, די ציגעלעך האָבן זיך אָנגעשטיפּט און זיך אויסגעלייגט אויף דעם באַרג אראָפּ ווי איין גרויסע זאַטע גליקלעכע משפחה און האָבן זיך געדרעמלט ליגנדיק אויף די אָנגע־פילטע בייכעלעך. און קוקנדיק אויף זיי, האָבן זיך אויך די פּאַסטו־כער אָנגעשפּארט ליגנדיק אויף דעם בארג אראָפּ, אויף די רוקנס, און קוקנדיק אין דער בלויער העל באלויכטענער ווייטקייט אריין, האָט מאיר געזאָגט צו יצחקן דאָס מאָל:

— איך פיל איצט, קוקנדיק אויף די אומשולדיקע זאַטע לעמע־

לעך, אזוי אומשולדיק און ריין, אז עס דוכט מיר... אז קיינער... אפילו דער גרעסטער באַנדיט, וואָלט ניט געהאַט קיין האַרץ צו טון מיר עפּעס שלעכטס היינט. רופט זיך אָן אין א קורצער ווײַלע יצחק צו מאירן:

— און איך פיל, אַז אָן מיר, כ׳מיין, אָן אונדז, וואָלט דאָס לאַנד גאָר ניט געקאָנט אויסקומען. פאַרגעס ניט, אַז אונדזער קעז און ברינדזע ווערט געקויפט אין אַלע עקן לאַנד.

— נו און אונדזער וואָל? רופט זיך אָן מאיר מיט א שמייכעלע צו יצחקן — ווו שפּאַרט זי ניט אָן?

אָבער מיט אַמאָל האָבן זיך דערהערט צוויי שאָס, וועלכע האָבן געמאַכט צוויי גרויסע לעכער אין דער אַרומיקער שטילקייט און האָבן אויפגערודערט דעם גאַנצן באַרג אַראָפּ און דעם דרעמלענדיקן טאָל.

— מאיר! וואָס האָט מען דיר געטון, מאיר? האָט יצחק אויסגערופן, דערפילנדיק ווי עפּעס האָט געלעכערט זיין רוקן. ער האָט זיך געפּרוּווט אויפזעצן און ניט געקאָנט, ער האָט מאַכטלאָז אויסגעשטרעקט זיינע הענט צו זיין חבר.

— דיך האָבן זיי אויך... יצחק... ברודער... א רחמנות אויף... די שאָף...

אויך די לעמעלעך און די ציגעלעך זענען געוואָרן אויפגערודערט פון די צוויי קוילן וואָס האָבן צעריסן די שטילע קלאָרע לופט און איבערגעריסן זייער זיסן דרימל. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו שטופּן און טוליען זיך איינער צום צווייטן מיט שרעק, גלייך ווי זיי וואָלטן געפרעגט איינער דעם צווייטן: „וואָס איז דאָ געשען?" און ניט קאָנענדיק זיך אָפּגעבן חשבון וועגן דעם, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען, האָבן זיי זיך געשטופּט צום גרויסן ציגנבאָק.

אָבער דער גרויסער באָק איז געלאָפן פאַראויס, און ניט מער מיט זיין אויפגעהויבענעם שטאָלצן קאָפּ ווי שטענדיק, נאָר מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, איבער וועלכן עס האָבן געפייפט אַראַבישע ביימשן... און זיין גלאָק, וועלכער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיין סטענגע און אין זיין באָרד, האָט שוין ניט געקלונגען אזוי פריילעך

און זיכער ווי שטענדיק, נאָר ער האָט מיט שרעק און כעס געכריי־פעט: „לעמער, וואָס איז זייט! זעט איר ניט, מיר זענען אין תפיסה?״.

„און אונדזערע גוטע געטרייע פאַסטוכער?״ האָבן געוואָלט די אָרימע לעמעלעך פרעגן ביי די גרויסע שנעל געטריבענע ציגן, „זיי דערלאָזן, מ׳זאָל דאָס אונדז טון?״ מיט גרוים אכזריות און מיט שנעלקייט האָבן די באַנדיטן פאַרטריבן די שאָף אין די היילן פון די בערג...

און עס איז צוריק געוואָרן שטיל אין טאָל און אויף דעם באַרג אַראָפּ. אין אָוונט האָבן די קליינע קינדער פון דער קבוצה נאָכאַמאָל געוואַרט נייגעריק אויף די שאָף ווי יעדעס מאָל. אויך די מעלקערם האָבן געוואַרט מיט אויסגעוואַשענע עמערס, כדי זיי אָנצופילן מיט פרישע וואַרעמע מילך. אָבער קיינער האָט זיך ניט דערוואַרט, ניט אויף דער טשערעדע און ניט אויף די פאַסטוכער, און אַלע חברים פון קבוצה זענען אַרויסגעלאָפן זיי זוכן...

און ווען מ׳האָט צוריקגעבראַכט די צוויי פאַסטוכער, זענען זיי געווען איינגאַנצן פאַרגליווערטע... נאָר אויף ביידע פּנימער, סיי אויף יצחקס, סיי אויף מאירס, איז געווען אַ רואיק שמייכעלע וואָס האָט דייטלעך געזאָגט:

„טוט מען אַזוי אומשולדיקע מענטשן? פון באַהעלטעניש? ניט שיין!״

לאַנג, לאַנג, זענען געשטאַנען אין דעם טונקעלן אָוונט אַלע חברים פון דער קבוצה און זיך איינגעקוקט אין די אָרנטלעכע פּנימער, ניט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט.

און די קינדער האָבן געדענקט דעם שיינעם העלן פרימאָרגן, ווען די פאַסטוכער זענען אַרויס נאָך דער טשערעדע מיט פריילעכע פּנימער, און ווי אַלע קינדער האָבן זיי נאָכגעקוקט און געפאָכעט צו זיי מיט די הענט:

„שלום! שלום!״.

„שלום! שלום! יצחק! שלום מאיר!״ האָט יעדער איינער שטי־לערהייט אין הארצן געוויינט... „אָבער פאַרוואָס האָט מען דאָס אייך אַזוי געטון! פאַרוואָס?״.

זינאַ ראַבינאָוויטש

# יונה די שיף

(סוף)

פאַר יונהן איז די שיף נישט שטענדיק אַזוי רואיק. נישט איינמאָל ווייזט זיך אים אויס, אַז די שיף, אויף וועלכער זיין טאַטע ברענגט די פּליטים, ווערט אַטאַקירט דורך אַ וועכטער־שיף. וואָס טוט מען דאַן? אַז אַלע ברעגעס זענען פאַרשטעלט מיט דעם שונאס וועכטער־שיפלעך! און דער גריכישער קאַפּיטאַן וויל שוין גאָר־נישט מער זיך אַרומדרייען אויף דעם ים. ער וויל אַרונטערלאָזן די פּאַסאַזשירן און זיך אומקערן צו זיך אין לאַנד. און ס'הייבט זיך אָן אַ שיסעריי. און ס'פליען קוילן פון די ביידע זייטן. אָבער די לעבעדיקע קלימעקלעך האַלטן אין איין קייקלען זיך אַרונטער פון דער שיפס לייטער און קליינע שיפעלעך באַהאַלטן זיך אונטער דעם רויך און צעגליטשן זיך אַוועק צו די ברעגעס, ווייל מ'מוז דאָך לאַנדן, מ'מוז!

און אַז ס'טרעפט אַ קויל? טראַכט זיך יונה אין שלאָף. שטאַרבט מען? וואָס הייסט שטאַרבן? מע רעדט שוין נישט! מ'זאָגט שוין נישט — פאַרשטייסט, יונה? מע מוז? און די האַנט קריכט שוין נישט אַריין אין די האָר... נאָר זי ליגט ווי אַ טויטע שלאַנג און זי רירט זיך נישט. און די אויגן... „ריים אויף די אויגן, טאַטע! טאַטע!” גיט יונה אַ געשריי פון שלאָף. ער קוקט זיך אַרום. גוט וואָס אַלע יינגלעך שלאָפן און ער האָט קיינעם

נישט אויפגעוועקט. ער זיצט אויפן בעט און ס'וואָרפט מיט אים. א מאָדנער חלום! אָבער מיטאמאָל דערהערט ער א מאָדנע באַוועגונג איבערן גאַנצן קיבוץ. וואָס זאָל דאָס זיין? ער כאַפּט די קאָלדרע אויף זיך און גליטשט זיך ארויס פון צימער. עס לויפן איינצלנע חברים פון קיבוץ און קוים וואָס זייערע פיס רירן אָן דעם באָדן. שנעל און שטיל. מע לויפט צום ברעג ים. יונה באַהאַלט זיך אונ־טער ביימער און געביידעם און לויפט אויך. דער פּראָ־זשעקטאָר פון דעם טורעם בלינצט מיט זיינע פייערן און דרייט מיט זיין קאָפּ אַהין און אַהער ווי איינער וואָס זאָגט עפּעס אויף שטום־לשון. א פאַרסאַפּעטער קומט יונה צו צום ברעג ים, וואָס איז פול מיט מענער און פרויען, נאָר קיין פּיפּס הערט מען פון קיינעם, ווי לע־בעדיקע קלימעקעס קריכט מען ארויס פון די קליינע שיפעלעך אויף דעם ברעג... און נאָך א שיפעלע און נאָך קלימעקלעך און דער עיקר, וואָס א שלאָס הענגט יעדן אויפן מויל. אָט וואַרפן זיך אריין א פּאָר צענדליק לעבעדיקע קלימעקלעך אין א טראָק, אויף וועלכן ס'איז אויסגעמאָלט א גרויסע פעטע בהמה און דער טראָק פאָרט אָפּ. און נאָך א לאַסט־מאַשין, אויף וועל־כער ס'איז אויסגעמאָלט א גרויסער מאַראַנץ און אָנגע־שריבן „עקספּאָרט" און זי פאָרט אַוועק גאָר אין אַן אַנדער זייט פול מיט קלימעקלעך, לעבעדיקע אָבער שטילע. און אַלץ אַזוי שנעל... אָט קומט צו דאָס לעצטע שיפל און נאָכדעם ווי אַלע קלימעקלעך זענען ארויסגע־קראָכן, שטעלט זיך איינער, דער לעצטער, אויפן שיפל און מאַכט מיט די הענט פאַרשידענע סיגנאַלן אין דעם

ווייסן פאַס ליכט פון פּראָזשעקטאָר און יונה דערזעט זיין טאַטן.

וואָס יונה האָט דערפילט דערביי, חברה, קאָנט איר זיך אַליין פאָרשטעלן... און ווי אַזוי ער האָט זיך אויפ־געפירט קאָנט איר זיך אויך לייכט פאָרשטעלן. נישט נאָר האָט מען פון אים קיין פּיפּס נישט געהערט, נאָר קיינער האָט אים נישט באַמערקט די גאַנצע צייט און בלויז ווען ער איז געלעגן אונטער דער קאָלדרע און זיין טאַטע האָט אים געקושט שטילערהייט, ער זאָל אים, חלילה, נישט אויפוועקן, האָט ער אַ פליסטער געטון אים אין אויער אַריין: „וויפל? נאָר אויב ס'איז אַ סוד — ענטפער נישט!".

אויף מאָרגן, ווען ער איז געקומען אין שול אַריין, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון צום לערנען, אַז דער לערער האָט פאַרוווּנדערטערהייט אויסגעשריען:

— „אויסגעצייכנט, יונה! גוט! אָבער טאַקע גאָר גוט! וואָס האָט געטראָפן מיט דיר, יונה?! יונה די שיף!?

„די שיף איז שוין אָנגעקומען", האָט יונה פאַרביי־גייענדיק אַ פליסטער געטון דעם לערער אין אויער, „איך האָב אייך אויך געזען מיט דער ביקס אויפן ברעג..."

— הא, וואָס? דער לערער האָט זיך אַרומגעקוקט, אַ גנבהשן ווינק געטון יונהן און אויסגערופן פריילעכער ווי שטענדיק: נו, חברה, רעכנט אויס וויפל פּאַסאַזשירן צו צוועלף אין יעדער קליין שיפל און צו צוואַנציק אין יעדער גרויס שיפל...



כפר רופין



אין נגב — חלוצים נעמען אויף א דעלעגאציע פון אראבישע שכנים

חיים פינקעלשטיין

# דער נגב בליט

★

דער נגב איז שטארק פּאָפּולער געוואָרן אין דער גאנצער יידי־שער וועלט נאָך יענער נאכט פון 7־טן אָקטאָבער 1946, ווען מיט איין מאָל, טאקע איבער נאכט, זענען דאָרט אויסגעוואקסן גאנצע עלף נייע יידישע ישובים.

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן דעם נגב, אויב מען האָט אים נישט געזען. איך בין געפאָרן איבערן דאָזיקן מדבר אַן ערך פיר הונדערט קילאָמעטער אין איין טאָג. דעם גאנצן וועג זעט מען גאָרנישט חוץ הימל און זאמד. א ווייס־געבלעכער זאמד, א לייכטער א טרוקענער, וואָס הייבט זיך אין דער לופטן פון מינדסטן ווינטל. פאָרנדיק אין אויטאָ, האָט מען דעם איינדרוק ווי דער מדבר איז נישט פון זאמד, נאָר א געלבלעך שמוציק וואסער, וואָס כוואַליעט זיך אנטקעגן, קנייטשט זיך און באוועגט זיך כסדר. א באוועגלעכער ים פון זאמד וואָס הייבט זיך חוצפהדיק אנטקעגן און מאכט געדיכט די לופט ווי א נעפּל א געדיכטער, און קריכט אריין אין די האָר, אין נאָז, אין די אויגן, אין מויל, אינעם גאנצן קערפּער, און שטעכט מיט דער שארפקייט זיינער, ווי א געטרייער שומר פון דעם מדבר, וואָס ווערט זיך און ראנגלט זיך, כדי צו פארהיטן די אייביקע אומ־בארירלעכקייט זיינע, וואָס איצט וויל זי דער ייד פארלעצן מיט ארבעט און מענטשלעכער קולטור...

טויזנטער יאָרן האָט זיך אים איינגעגעבן, דעם מדבר, נישט ארויפצולאָזן דעם מענטש אויף זיין שוים, נישט צו לאָזן זיך באַ־הערשן און עקספּלאָטירן פון אים. און אז א בעדואינער איז שוין יאָ אמאָל ארויף אויפן מדבר מיט זיין ביסל אָרעמקייט, איז ער געווען אַזוי הכנעהדיק צו אים, אַזוי גאָרנישט פאַרלאַנגענדיק, אַז עס האָט דעם מדבר גאָרנישט געאַרט די אַנוועזנהייט זיינע. דער שטאָלץ

פון דעם מדבר, זיין אייביקער שלאָף, דער פרייער שפּיל פון ווינט און זאמד איז פון דעם בעדואינערס אָנוועזנהייט מיט גאָרנישט פארמינערט געוואָרן...

אנדערש איז מיט די יידישע בחורים און מיידלעך, וואָס זענען געקומען מיט פּרעטענזיעס. זיי האָבן אויפגעריסן די שטילקייט פון דער נאכט מיט זייער געזאנג, מיט קלאפּעריי פון האמערס און אייזנס. זיי האָבן זיך גענומען אריינגראָבן טיפער אונטערן זאמד, און האָבן וועגט אויפגעשטעלט, כדי צו פארהאלטן דעם ווינט אין זיין פרייען, פון אלע אייביקייטן ביז איצט, אומגעשטערטן פלי איבער די וויסטע שטרעקעס פון זאמדיקן מדבר.

איך האָב געזען ווי דער מדבר רעכנט זיך אָפּ מיט די נייע תושבים זיינע. דאָס איז געווען בעת דעם ערשטן מיטיק מיינעם אין דעם קיבוץ נירים, וואָס איז איינער פון די נייע שוין באַרימטע געוואָרענע עלף פּונקטן. מיר זענען געזעסן ארום טיש און א יונגע חברטע האָט אונדז אין בלעכענע שיסעלעך דאָס עסן דערלאנגט. אלע האָבן זיך געשמאַק צו דער אכילה גענומען. איך האָב פּראָבירט עסן, אָבער... איך האָב דערפילט ווי עס קנאַקט צווישן די ציין, מיין גומען האָט נישט פארנומען דאָס דאָזיקע מאכל. די חברים ארום טיש האָבן באמערקט מיין פארלעגנהייט אראָפּצושלינגען דעם ביסן, אָדער נישט, און האָבן מיר געזאָגט:

— אזוי איז עס, חבר, מען דאַרף זיך צוגעוויינען צו עסן מיט זאמד אויך! מיר טוען עס שוין אזוי עטלעכע חדשים נאָכאנאַנד. מיר עסן מיט זאמד, מיר טרינקען מיט זאמד, מיר שלאָפן מיט זאמד, און מיר וועלן אזוי לאנג לעבן אין זאמד און מיטן זאמד, ביז מיר וועלן דעם זאמד פארטרייבן פון דאנען!

און כדי איך זאָל זיך איבערציינן, אז מען קען טאקע דעם זאמד פאַריאָגן פון מדבר, האָבן זיי מיך ארויסגעפירט פון הילצערנעם באַראַק אויפן פרייען זאמדיקן פעלד און געוויזן מיט דער האנט:

— איר זעט דאָרט, ווי עס הייבט אָן צו גרינען? איר זעט ווי עס שפּראָצן שוין ארוים פלאנצן? אז דאָס אַלץ וועט אויפוואקסן דאָ

ארום, דעמאָלט וועט פאַרשווינדן דער זאַמד, דעמאָלט וועלן מיר האָבן דערגרייכט אונדזער ציל!

איך האָב געקוקט אויף די שטראַלנדיקע פּנימער און גליענדיקע אויגן פון די יוגנטלעכע חברים און חברטעס פונעם קיבוץ, און איך האָב געקוקט אויף דעם שטיקל גאָל־גרינעם פעלד, וואָס זעט אויס ווי אַן אינדזל אין ים פון זאַמד, און איך האָב נישט געוווּסט וועלכער ווּנדער עס איז גרעסער; דער ווּנדער פון אַזאַ געטרייער, אידעאַליסטישער יוגנט וואָס מיר פאַרמאָגן דאָרט, צי דער ווּנדער, אַז דער מדבר הייבט אָן צו בליען!.. ביידע ווּנדערס זענען גרויס, אָבער גרעסער פון אַלץ איז די טרייהייט און העראָיזם פון דער ארץ־ישראלדיקער יוגנט. פון איר מי און פּראַצע, מיט איר געזונט און לעבן האָט זי דעם ווּנדער פון דער נאַטור אַרויסגעצויגן.

* * *

דאָס הויפּט־פּראָבלעם אין מדבר איז וואַסער. בעת די צוגרייטונגען צו באַזעצן די שוין דערמאָנטע פונקטן אין נגב האָט די אָרגאַניזאַטאָרן פון דאָזיקן גראַנדיעזן פּלאַן די גרעסטע זאָרג פאַרשאַפט ווי אַזוי צוצושטעלן וואַסער פאַר די נייע ישובים. קיין אַנדער ברירה איז נישט געווען ווי צושטעלן וואַסער אין פעסלעך און טאַנקען. ווי אַן אָנהויב האָט עס געקענט זיין מעגלעך, אָבער נישט אויף לאַנג. ווייל חוץ דעם וואָס אַזאַ סיסטעם פון וואַסער־באַדינונג קאָסט אָפּ אַ פאַרמעגנס, איז דאָס אויך פאַרבונדן מיט קאָלאָסאַלע טעכנישע שוועריקייטן. עס זענען אפילו אויך פאַראַן פונקטן, וואָס אין געוויסע מאָמענטן קענען זיי אָפּגעשניטן ווערן פון יעטווידער יידישער פאַרבינדונג, און זיי מוזן דעריבער זיין אויסגעשטעלט אויף אייגענער אחריות, אייגענער פאַרזאָרגונג און אייגענער באַדינונג אין אַלע הינזיכטן. עס איז גאָר קיין פראַגע נישט געווען, אַז דער דערפאָלג פון דעם עקספּערימענט אין נגב איז אָפּהענגיק פון איין זאַך, — צי עס וועט זיך איינגעבן צו באַקומען וואַסער דירעקט פון די ערטער, אָדער נישט.

פאַר אַ סך איז דאָס געווען אַ ווילדע פאַנטאַזיע, אַנדערע האָבן

געצווייפלט, אָבער די יונגע באַזעצער פון נגב האָבן אויך אין דעם פּרט געוויזן א מוסטער פון חלוצישער, פּיאָנערישער דערפינדע־רישקייט, אויסדויער, עקשנות, און לסוף — טאַקע דערפאָלג!

אין דעם ווייטסטן פּונקט פון נגב, אין רביבים ביי עסלוג, האָב איך געזען שוין רעאַליזירט דעם געוואַגטן פּראַמעסט צו באַהערשן אויך דאָס וואַסער, דערוויל בלויז אין איין טייל פון דעם מדבר.

אין מזרח זייט פון דעם נגב פליצט ווינטער־צייט אראָפּ וואַ־סער פון די בערג. די וואַסערן קומען ווילד און צעגיסן זיך אין די נידעריקע געגנטן ארום די בערג. האָבן די חלוצים פון רביבים אויסגעגראָבן קאַנאַלן, געמאַכט טיפע וואַסער־באַסיינען און אריינ־געטריבן דאָס וואַסער דורך די לאַנגע קאַנאַלן אין די טיפע באַסיינען אריין. ארום די באַסיינען האָבן זיי געמאַכט דאַמבעס, כדי דאָס אָנגעזאַמלטע וואַסער צו רעגולירן, און א גאַנץ יאָר האָבן זיי וואַסער אויף צו באַוואַסערן די פעלדער ווייט ארום. גרויסע שטחים ערד, וואָס זענען שטענדיק דורשטיק נאָך א ביסל וואַסער, ווערן איצט רעגולער און סיסטעמאַטיש אָנגעטרונקען דורך ספּעציעלע וואַסער־רערן, וואָס ציען זיך אויף פיל קילאָמעטערס ווייט און ברייט און באַשפּריצן די פעלדער דורך ספּעציעלע אַפּאַראַטן אַזעלכע, וואָס זענען אליין א דערפינדונג און אויסאַרבעטונג פון חברים אין א צווייטן קיבוץ.

אָט די דאָזיקע אַפּאַראַטן, וואָס רעגולירן דאָס וואַסער מיט א געגויער פּינקטלעכקייט און סיסטעמאַטישקייט, האָבן געבראַכט גאָר א סך מזל ברכה פאַר א סך יידישע און אַראַבישע קאָלאָניסטן אין ארץ ישראל און אויך אין די ארומיקע לענדער. נישט קיין אנדערע ווי די ענגלישע רעגירונג האָט פריער, אין צייט פון קריג, ווען זי האָט זיך גענייטיקט אין פּראָדוקטן, סטימולירט די פּראָדוקציע און קויף פון די דאָזיקע וואַסער־אַפּאַראַטן. היינט ווערן זיי באַיקאָטירט דורך די ענגלענדער און דורך די אַראַבער פון אויסלאַנד. די אָרטיקע אַראַבער קויפן פונדעסטוועגן די אויסאַרבעטונגען, ווייל זיי ווייסן



א קינד ביי דער ארבעט אין קיבוץ

ווי גוצלעך זיי זענען פאר זיי, און זיי קענען קיין אנדערע נישט באקומען.

אין ווייטן נגב האָב איך געזען די אַפּאַראַטן אין זייער פולער פונקציע און איך האָב געזען די וווּנדערבאַרע רעזולטאַטן פון דעם געוואַגטן פארמעסט קעגן דער נאַטור.

עס איז שוין געווען פארנאַכטלעך, ווען די חברים פון קיבוץ האָבן אונדז אַרומגעפירט איבער די אומגעגענטן, געוויזן אונדז די באַסיינען מיט די דאַמבעס, מיט די קאַנאַלן און די רערן, און האָבן געקוקט אויפן וואַסער וואָס איז זיך אַזוי אונטערטעניק געלעגן צו זייערע פיס. געקוקט מיט שטאָלץ, מיט גדלות און מיט האַפּערדי־קייט. אַזוי קוקן באַזיגער אויף זייערע באַזיגטע. אָבער איין אונ־טערשיד איז פאַראַן: זיי, די חלוצים פון נגב, קוקן אויף זייער וואַסער־פאַנג מיט ליבע, מיט צערטלעכקייט, און זיי היטן דאָס ווי אַן אויג אין קאָפּ. אַזוי פיל כוחות האָבן זיי אין דעם אַריינגעלייגט, אַזוי פיל מוט און לעבן, פאַרוואָס טאַקע זאָלן זיי דאָס איצט נישט פאַרהיטן?!

דער קיבוץ איז נאָך אַ יונגער. ער עקזיסטירט איצט אינגאַנצן דריי יאָר, אָבער פונדעסטוועגן זעט מען שוין די רעזולטאַטן פון זייער אָנגעשטרענגטער קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבעט. מען זעט שוין פאַרזייטע פעלדער, מען זעט פון אונטערן זאַמד אַרויפשפּריצן גרינע בלעטלעך, מען זעט פון דערווייטנס אַ וועלדל וואָס הייבט אָן זיך צעוואַקסן, מען זעט ווי עס קומט אויף אַ לעבן אויפן שוים פון דער ווילדער נאַטור.

די בעדואינער פון אַרום האָבן פריער אין דעם אַלעמען גלויבן נישט געוואָלט. און אַז זיי האָבן דערזען די ערשטע גרינע צווייגלעך, און זיי האָבן געזען ווי פון אונטערן זאַמד וואַקסט אויס אַ בוים אין מיטן מדבר, האָבן זיי אָנגעהויבן קוקן מיט קנאה אויף זייערע נייע ייִדישע שכנים. מיט קנאה און מיט דרך ארץ גלייכצייטיק. און שטיל, אַז קיינער זאָל נישט וויסן, קומען זיי אָנבאָטן שטיקלעך מדבר צו די ייִדן. זאָלן ייִדן דאָס אָפּקויפן, באַוואַסערן, גרין מאַכן, וועט אפשר זייער אייגן שטיקל באָדן דערנעבן אויך געניסן...

דערווייל איז דער גאנצער קיבוץ פּאַרטאָן אין דער שווערער ארבעט אויפן זאמדיקן פעלד. ווען מיר זענען אהין אָנגעקומען, איז כמעט קיינער נישט געווען חוץ די פּאָר חברים און א חברטע וואָס זענען געשטאנען אויף דער וואך. זי, די יונגע חברטע, פון אויבן אויפן טורעם, מיט א ביקס אין האנט, האָט פון דערווייטנס נאָכגעפאָלגט אונדזער אָנקומען, און זיי, די חברים, אונטן, אין דעם הויף פון דעם קיבוץ, וואָס זעט אויס ווי א פעסטונג, האָבן אונדז דעם טויער געעפנט, ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אז אייגענע קומען. געווען זענען אויך א פּאָר חברים און חברטעס וואָס האָבן געארבעט אין קיך ביים צוגרייטן דאָס עסן. ערשט שפּעטער, נאָך דער ארבעט, איז זיך דער גאנצער עולם צוזאמענגעקומען. אלע סאמע יונגע מענטשן צווישן 18 און אפּאָר און צוואנציק יאָר. דער גרעסטער טייל פון ארץ־ישראלדיקע געבוירענע, דערצויגענע אין די קיבוצים, וואָס זענען פון זייער פרישסטער קינדהייט געוואָרן פאַרהארטעוועט און צוגעגרייט צום דאָזיקן לעבן אויף דער פרייער נאַטור.

אויף די שווערסטע און געפערלעכסטע פּאָזיציעס גייט שטענדיק די ערשטע די ארץ ישראלדיקע יוגנט, באזונדערס די יוגנט פון די קיבוצים. ביים באזעצן די נייע פונקטן אין נגב זענען זיי אויך געווען די ערשטע, און זיי האָבן געוויזן דעם גרויסן ביישפּיל פאַרן גאַנצן יידישן ישוב און פאַר דער גאָרער יידישער וועלט.

אָט די דאָזיקע יוגנט האָט איצט מיט איין מאָל ווידער געענדערט די יידישע געאָגראַפיע פון ארץ ישראל. זי האָט אונדזער געאָגראַפישע און פּאָליטישע מאַפּע אויסגעברייטערט און אויסגעצויגן טיף אראָפּ דורך דעם מדבר ביז נאָענט צו די גרעניצן פון מצרים. און צוזאמען דערמיט האָט די יוגנט נאָך אמאָל באוויזן איר טיפע ליבע און טרייהייט צום פאָלק. אָט די דאָזיקע איבערגעגעבנקייט צום פאָלק און אחריות וואקסט ארויס פון דעם גאנצן לעבנס־שטייגער, אין וועלכן די יוגנט ווערט דערצויגן; זי וואַקסט אַרויס פון איר צוגעבונדנקייט צום ארץ ישראלדיקן באָדן, וועלכן זי האָט פרוכטבאר געמאכט מיט איר שוויים און בלוט.

דער ארץ ישראלדיקער ייד, ריכטיקער — דער יידישער ארבעטס מענטש דאָרט, פירט א כסדרדיקן פילפאכן געראנגל. ער האָט אָנגעהויבן מיטן קאמף קעגן דער נאַטור ביים אויסטריקענען די זומפּן און דורכרייסן וועגן צווישן די שטיינערנע בערג, און דערביי האָט ער געמוזט שטיין אויף דער וואַך קעגן האלב-ווילדע אויפגעהעצטע מדבר באַנדעס! איצט האָט ער אויפגעהויבן דעם קאַמף קעגן מדבר אליין, כדי דעם מדבר צו באהערשן פארן וווילזיין פון פאָלק. און קעגן אים שטייט צוזאמען מיט דער ווילדער מדבר-סטיכיע דער העכסט ציוויליזירטער ענגלישער זשאַנדאַר, וואָס פארשטעלט אים דעם וועג אין סאמע גאַנג צום אויפקום און גאולה.

דער ייד וואָס האָט געזען דעם גרויסן נס, אז פון זיין ווילן, פון זיין ארבעט און ענערגיע האָט דער טויזנטער יאָריקער מדבר אָנגעהויבן צו בליען, דער מוז אויך גלויבן, אז פון זיין ווילן און קאמפס-גרייטקייט איז אָפּהענגיק, אז אויך אין דעם טויזנטער יאָריקן מדבר פון דער יידישער גלות-געשיכטע זאָל אויפגיין די בליאונג פון א נייעם געזונטן יידישן לעבן אין ארץ ישראל.

דער נגב איז דער נייסטער און געוואַגטסטער קאָלאָניזאַטאָרישער פארמעסט פון דעם יידישן ארבעטס-מענטש אין ארץ ישראל. די דעראָבערונג פון נגב עפנט גרויסע, אומאָפּשאַצבארע מעגלעכקייטן פאר דער יידישער באזעצונג און קאָלאָניזאַציע אויף דעם ארץ ישראלדיקן באָדן, און גרויסע מעגלעכקייטן פאר דער אלגעמיינער אנטוויקלונג פון לאנד. דער פארמעסט איז א טאָפּלטער: קעגן דער נאַטור און קעגן אלע מענטשלעכע און אוממענטשלעכע שטערונגען און שטרויכלונגען וואָס ליגן אויפן וועג. אזוי איז דער גאַנג פון ארץ ישראלדיקן יידישן אויפבוי: דורך שווערער מי, דורך געראנגל און קאַמף. אזוי וועט געווים אויך זיין דער נצחון זיינער — א געהייליקטער אין הערצישן קאַמף און דערהויבן אין דער שיינקייט פון דער מענטשלעכער ארבעט.

ש. פריילאך

# חיפה – אַ שטאָט מיט אַ סך צויבער

★

חיפה האָט איצט געגומען וואקסן נאָך דער מלחמה צוזאמען מיט דער יידישער אימיגראציע און עס איז אין זייער א קורצער צייט געוואָרן פון א קליין, אָרים שטעטל, א גרויסע שטאָט, א כרך, וואָס פארנעמט היינט צו טאָג דעם דריטן פלאץ אין לאנד, לויט דער צאָל באפעלקערונג, און דעם ערשטן פלאץ אין דער בוי־באוועגונג.

חיפה איז היינט דער טויער פון לאנד, די גאנצע אימיגראציע, דער גרעסטער טייל פון אימפאָרט און עקספאָרט, גייט דורך חיפה. ארום דער שטאָט קאָנצענטרירט זיך די גאנצע שווערע אינדוסטריע פון לאנד, די הויפט-פאבריקן און די אינטערנאציאָנאלע קאָמפאניעס.

דער חיפהער פאָרט איז איינער פון די גרעסטע, ער האָט אָפגעקאָסט דער ענגלישער רעגירונג קנאפע אנדערהאלבן מיליאָן פונט און איז פארענדיקט געוואָרן אין יאָר 1931.

דער פאָרט פארנעמט א ריזיקן שטח און האָט צוויי מויערן, וואָס ציען זיך פון מזרח אויף מערב און פון צפון אויף דרום. די ערשטע וואנט האָט 2250 מעטער די לענג און פיר מעטער די הויך. די צווייטע — 800 מעטער די לענג און צוויי מעטער די הויך.

די ווענט זענען געבויט פון ריזיקע פעלזן און שטיינער און זענען נאטירלעך אויסגערעכנט פאר מיליטערישע - סטראטעגישע צוועקן.

ביז 1931 האָט חיפה געציילט בלויז העכער פופציק טויזנט איינוואוינער און זעכצן טויזנט יידן. היינט האָט חיפה און אומגעגנט ארום 60 טויזנט יידן, וואָס בילדן דאָרט א גרויסע מערהייט.

חיפה איז נישט איין שטאָט, נאָר צוויי. די אַלטע שטאָט ליגט אונטן, אין טאָל, צופוסנס פון הדר הכרמל און האָט אַ געמישטע באַ-פעלקערונג פון מוסולמענער, יידן און קריסטן. די יידן מאכן דאָרט

אוים א צאָל פון פינף טויזנט נפשות און לעבן אויסגעמישט מיט דער איבעריקער באפעלקערונג. די נייע שטאָט געפינט זיך אויפן רוקן פון כרמל, און דאָרט וווינען שוין בלויז יידן. אז איר קומט אַרויף אויפן הדר הכרמל, פילט איר זיך פונקט ווי אין תל־אביב. דאָ זענען אלע געשעפטן, אלע הייזער, אלע רעסטאָראַנען, אלע מענטשן — בלויז יידן.

דאָס נייע חיפה האָט זיך אָנגעהויבן בויען מיט א פופצן יאָר צוריק. דער יידישער פליים, די יידישע ענערגיע האָט גובר געווען אלע שוועריקייטן און אַרויסגעשפּאַרט די שטאָט ווייט איבער בערג און טאָלן און זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן סאַמע רוקן פון הדר הכרמל און דערגרייכט ביזן סאַמען שפּיץ באַרג.

אין אלט־חיפה טרעפט איר א געמיש פון אלט און ניי. דאָרט שטייט נאָך אַן אָרים שטיבל נעבן אַ הויכן, ריזיקן בנין, אַ קליין, שמוציק אַראַביש קליטל נעבן א גרויסארטיק געשעפט. אין ניי־חיפה איז שוין אלץ מאָדערן, אלץ ניי, פריש.

איך בין ביי מיין אָנקומען אין לאנד געווען אין חיפה בלויז איין טאָג, אָבער איך מוז אייך זאָגן, אז חיפה האָט מיך אין דעם איינעם טאָג אזוי אימפּרעסיאָנירט, אז איך האָב אויף מיין גאנצער רייזע נישט געקענט פארגעסן מיינע ערשטע טריט אין חיפה און יעדעס מאָל, ווען מען האָט מיך געפרעגט אויף תל־אביב, האָב איך געזאָגט:

— כ׳ווייס נישט פארוואָס, נאָר חיפה געפעלט מיר בעסער...

חיפה און תל־אביב זענען נייע שטעט, יידישע שטעט, שטעט וווּ איר פילט דעם עכט יידישע פולס. דאָס עכט־יידישע לעבן. אָבער עפּעס האָט חיפה אזא רייץ, אזא פרישקייט, אזא יונגקייט, וואָס באַצויבערט ממש דעם ניי־אָנגעקומענעם.

איך האָב דעם ערשטן אָוונט שפּאַצירט אין חיפה איבער דער הערצל־גאַס, שפּאַצירט אזוי ווי מען שפּאַצירט אין ארץ ישראל, אָן א רעקל און מיט הויך־פארקאַטשעטע אַרבל און זיך געפילט ממש ווי אין א לעגענדארער שטאָט.

חיפה איז טאקע א מין צויבער־שטאָט. איר האָט דאָרט אזעלכע וווּנדערבארע, שיינע פאנאָראמעס, וואָס פארכשופן און פארטראָגן אין א וועלט פון פאנטאזיעס...

אז איר שפּאצירט ביינאכט אפן הדר הכרמל, האָט איר פון איין זייט דאָס אלטע חיפה אין טאָל, לענגאויס דעם ברעג פון ים, און פון דער צווייטער זייט דאָס גאָר נייע חיפה, וואָס קוקט אראָפּ אויף אייך מיט טויזנטער עלעקטרישע אויגן.

איך בין אויך געווען אויפן הר הכרמל, וואָס איז געלעגן איינגע־הילט אין פינצטערער נאכט און שפּאצירט איבער דער פאנאָראמע גאַס. פאר די אויגן איז געלעגן גאנץ חיפה אויסגעשפּרייט ווי אין א טיפער שיסל, באשאָטן מיט טויזנטער און טויזנטער עלעקטרישע לעמפּלעך.

מיינע פריינט האָבן מיר אָנגעוויזן אויף יעדן קוואַרטאל, אויף יעדער עלעקטרישער שורה מיט לעמפּלעך.

— דאָרט איז דער קינאָ „אורה”, ליכט, הייסט עס.

— דאָ איז דער נאַפט־פּאָרט.

— אין יענעם ים פון ליכט ליגט אונדזער רוטענבערג־סטאציע...

פון דער זייט איז געלעגן דער ים א בלויער און קאָקעטירט מיט דעם הימל, מיט די שטערן, ווי ער וואָלט זאָגן:

— ווער איז שענער?...

ש. בן־ציון

# קראַנק געוואָרן פאַר פסח

פון העברעאיש: ח. באַרקאַן

לאה איז געבליבן אַן אָרימע אלמנה מיט צוויי קליינע יתומימ־לעך, אַ זון און אַ טעכטערל. אַז זי האָט ניט געהאַט קיין ברויט פאַר די קינדער, האָט זי אָנגעהויבן נייען העמדער, אַרבעטן פאַר פרעמ־דע. אַ גאַנצן טאָג איז זי געזעסן איבערגעבויגן איבער דער אַרבעט און קוים פאַרדינט אויף אַ שטיקל ברויט.

נחמיה, אַ יינגעלע פון זיבן יאָר, לערנט אין דער פרי אין דער אַלגעמיינער פאָלק־שול און נאָך מיטאָג אין תלמוד־תורה. און רחל, די קליינע, פיר־יאָריקע טאָכטער, איז אין שטוב.

אין אָוונט, אַז נחמיה קומט פון תלמוד־תורה, בלייבט ער זיצן מיט דער מאַמען און שוועסטער אין שטוב. די חברים שפּילן זיך פריילעך אין דרויסן, און ער פאַרברענגט זיך מיטן שוועסטערל. ער מאַכט איר פייגעלעך פון פּאַפּיר, אָדער קליינע ליאַלקעס, און ער איז גליקלעך, ווען ער זעט ווי די קליינינקע האָט פון די שפּילעכלעך פאַרגעניגן. ער בעט אים פאַרן שוועסטערל דאָס וויגעלע, טוט איר אויס די שיכעלעך, און פאַרן שלאָף דערציילט ער איר אַ מעשה.

אַמאָל צעזינגט זיך די מאַמע ביי דער אַרבעט. ביידע קינדער ווערן פאַרשוויגן. זיי הערן זיך צו צו דער מוטערס געזאַנג און האָבן הנאה.

עס זענען אָנגעקומען די טעג צווישן פּורים און פּסח. אין אָט די טעג איז פאַראַן אַ סך אַרבעט. פּונקט דעמאָלט איז די מאַמע קראַנק געוואָרן און זיך אַריינגעלייגט אין בעט.

זענען נחמיה און רחל געשטאַנען ביי איר בעט, געקוקט אויף איר און געשוויגן. די מאַמע — אירע אויגן זענען פאַרמאַכט, זי אָטעמט שווער, די באַקן זענען רויט. זי שלאָפט אַזוי?...

אָבער אָט האָט די מאַמע געעפנט די אויגן, אַ קוק געטאָן אויף די צוויי קליינע יתומים און אַ לאַנגן זיפץ געטאָן. דער זון האָט שטילערהייט געפרעגט:

— דו ווילסט עפּעס, מאַמע? זאָג, וועל איך דיר געבן!

— ניין, האָט די מאַמע געענטפערט.

— פאַרוואָס־זשע זיפצסטו? — האָט נחמיה ווידער געפרעגט.

— ווייל איך זע, מיין קינד, אז דער גרויסער יום־טוב פּסח קומט אָן. ווער וועט פאַר אייך אַלץ צוגרייטן?

האָט נחמיה א קוש געטאָן דער מוטער אויפן שטערן און געזאָגט:

— ניט געזאָרגט, מאַמע. איך וועל גיין און זיך אוועקשטעלן נעבן די קראָמען, און אז אַ פרוי וועט קויפן אַ פּעקל סחורה, וועל איך נעמען דאָס פּעקל, עס אָפּטראָגן און פאַרדינען אביסל געלט.

— און איך וועל אויפראַמען און אויספּוצן דאָס הויז, — האָט דאָס קליינע מיידעלע אונטערגעכאַפּט.

האָט די מוטער געשמייכלט. זי האָט ארומגענומען אירע צוויי קינדער און געזאָגט:

—איך וועל נאָך מיט גאָטס הילף אויף פּסח געזונט ווערן, קינדערלעך. און דו, נחמיה,לערן אוים רחלען די „פיר קשיות” און מיר וועלן אָפּריכטן דעם „סדר”.

און אַזוי איז געווען. די קראַנקהייט איז אַריבער און די מוטער האָט אַליין, מיט די אייגענע הענט, אַלץ צוגעגרייט לכבוד פּסח. די ערשטע נאַכט פון פּסח האָט לאה די אלמנה געגרייט דעם טיש, רחלע האָט געפרעגט די פיר קשיות, נחמיה האָט געלייענט פאַר דער מוטער און דער שוועסטער די הגדה, און מ׳האָט אָפּגעריכט אַ סדר, ווי גאָט האָט געבאָטן.

און איידער מ׳האָט געעפנט די טיר און אַלע האָבן אַ קוק געטאָן צו דעם פולן פינקלענדיקן כוס פון דעם טייערן אליהו הנביא, האָט זיך די מוטער אויפגעהויבן פון איר שטול. זי האָט אַרומגענומען אירע צוויי קינדערלעך און אָנגעהויבן זינגען. דער ברודער און דאָס שוועסטערל האָבן גענומען טאַנצן, און זי, די מוטער, האָט אַ פריילעכע צוגעפּאַטשט מיט די הענט.